איז אונזער באַשעפטיגונג, „כי היא חיינו", ווייל דאָס איז אונזער לעבען, ווייל מיט דעם שטעהט דאָס אידישע פאָלק אויף זיינע פיס.

„ואיל לעולה — זה יצחק". די אש פון איל איז געווען דער יסוד פון מזבח הפנימי. דאָס איז א סימבאָל, אַז מיר פארלאַנגען מסירת־נפש, אז מיר דארפען האָבען קרבנות. „מלחמה לד' בעמלק", עס איז א מלחמה מיט'ן שונא, און בשעת א מלחמה פאָדערט זיך העלדישקייט, פאָדערען זיך קרבנות.

אמת, עס זיינען דאָ אַ סך, וואָס זיינען זיך מוסר־נפש, וואָס ברייגגען קרבנות פאר'ן אידישען פאָלק, פאר ארץ ישראל. אָבער איך מוז ערקלעהרען, אַז קרבנות האָבען אויך זייערע דינים, לויט ווי די תורה פאסט זיי אויף, און נישט אלץ, וואָס רופט זיך „קרבנות", הייסט ביי אונז, אז עס איז „לרצון".

א קרבן מוז זיין א „תמים", עס טאָר נישט האָבען קיין „מום". אויב עס האָט א חסרון מחוסרי אבר, דאן איז דער דין: „אם עלה — ירד". עס איז נישט עולה לרצון אפילו דורך תערובות, אפילו ביי א במה איז א מום פסול. וואָס לערענט דאָס אונז? אז דער וואָס ברייגגט א קרבן מוז זיין גאַנץ! אָט האָט דאָס אידישע פאָלק אַמאָל געבראַכט אזעלכע קרבנות ווי רבי עקיבא וחבריו, די עשרה הרוגי מלכות, ווי דער שר מקוצי, ווי דער מהר"ם מרוטענבורג — וואָס פאר א גאנצע קרבנות זיינען דאָס געווען, ווי מבוקר זיינען זיי געווען פון מומים, ווי זיינען זיי געווען פריי פון וועלכען פגם און חסרון אבר, — גאַנץ זיינען זיי געווען מיט תרי"ג מצות, מיט דער תורה, מיט דער אמונה! אפילו אין „ניב שפתים" זיינען זיי געווען תמימים, זייערע כשר'ע ליפען זיינען געווען אָהן לשון־הרע!

„אין מבלין קרבנות מן המומר", פון א מומר טאָר מען קיין קרבן נישט אָנ־נעהמען אפילו נישט פון —אינם שבים. און איצט לאָמיר זיך בארעכענען, אז עס איז „חטאת יהודה כתובה בעט ברזל", מיט וועמען שרייבען מיר היינט די אידישע היסטאָריע? ווער זיינען דאָס היינט אונזערע קרבנות־פיהרער? — „בעט ברזל", אָט די וואָס האָלטען אין זייערע הענט אייזענס און מעסערס און שניידען מיט זיי איבער די וואָרצלען פון אידישקייט, וואָס האַקען אָפּ די צווייגען פון אונזער טראַדיציע, פון אונזער תורה, וואס רייסען פונאַנדער די בענדער, וועלכע האָבען אונז פארבונדען מיט אונזערע אבות, און מיט'ן רבונו־של־עולם!

„בצפורן שמיר", מיט דעם שמיר־ווערעמעל צושפאלטען זיי, די כלומר'שטע „פיהרער", אלע טייערע דיימאָנדס, אלע אבנים טובים, וועלכע מיר פארמאָ־גען: דעם שבת האָבען זיי פארשוועכט, די אידישע ימים־טובים באַליידיגט, דעם שלחן הטהור אונזערען, דאָס כשרות, די טהרה, דאָס צניעות, האָבען זיי באַשמוצט און באַפלעקט! זיי זיינען פול מיט מומים די אלע, וואָס זיינען זיך כלומר'שט מוסר־נפש פאר ארץ־ישראל, וואָס ווילען זיין די פיהרער פון אידי־שען פאָלק, די מנהיגים פון פילע אָרגאַניזאַציעס, פון חברות, און בעונותינו הרבים אויך פון שוהלען און תלמוד־תורה'ס!